רעפֿעראַט פֿון ד"ר ברײַנדל קירשענבלאַט-גימבלעט בײַם יערלעכן ייִוואָ פֿאַרזאַמלונג צוזאַמען מיט דער ייִדישער פֿאָלקס־ביבליאָטעק אין מאָנטרעאָל,

שבת דעם 31סטן מערץ, 1973

## „די פֿאָרשונג פֿון ייִדישע פֿאָלקסלידער — עבֿר און עתיד"

42:56 01-333A[1]

חשובֿע פֿרײַנד, הײַנט וועל איך פּרוּוון אַרײַנשטעלן די געשיכטע פֿון דער ייִדישער פֿאָלקסליד-פֿאָרשונג אינעם קאָנטעקסט פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון דער אַלגעמיינער פֿאָלקלאָריסטיק. דערנאָך וועלן מיר זיך אָפּגעבן אַ חשבון פֿון די ביז-איצטיקע דערגרייכונגען פֿון ייִדישע פֿאָלקסליד־פֿאָרשערס. לסוף, וועלן מיר רעקאָמענדירן פֿאָרשפּראָבלעמען, וואָס מיר זאָלן זיך נעמען צו זיי הײַנט, און באַשרײַבן אַ הײַנטיקן פּראָיעקט, וואָס פֿאַרנעמט זיך טאַקע מיט די פּראָבלעמען.

דער אינטערעס אין פֿאָרשן פֿאָלקלאָר הייבט זיך אָן מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק ווען דער ראָמאַנטישער נאַציאָנאַליזם האָט זיך אַנטוויקלט אין מערבֿ-אייראָפּע, בפּרט אין דײַטשלאַנד, סקאַנדינאַוויע און די בריטישע אינדזלען. אַן עיקר בײַם ראָמאַנטישן נאַציאָנאַליזם איז געווען די אידעאַליזאַציע פֿון פּרימיטיווקייט און נאַטירלעכקייט, וואָס רוסאָ, דער פֿראַנצייזישער פֿילאָסאָף פֿון 18טן יאָרהונדערט האָט פֿאַרשפּרייט און וואָס האָט געגעבן דעם פֿאָלק און זײַנע שאַפֿונגען אַ צענטראַל ווערט. אַנשטאָט צו לויבן די ראַפֿינירטע ליטעראַטור פֿון דעם עליט און צו קריטיקירן די פּראָסטקייט פֿון די פֿאָלקסשאַפֿונגען, האָבן יאָהאַן הערדער, די ברידער גרים, עליאַס לונראָט און אַנדערע פֿילאָסאָפֿן, פּאָעטן, און פֿילאָלאָגן געזען אין פֿאָלקסלידער און פֿאָלקס-מעשׂיות דעם אויסדרוק פֿון דער פֿאָלקסגײַסט אין אַ געוויסער אומה. זיי האָבן געהאַלטן, אַז דאָס פֿאָלק איז נאָך ניט פֿאַרדאָרבן געוואָרן פֿון דער ציוויליזאַציע און פֿון פֿרעמדע השפּעות, און, אַז אין דעם פֿאָלק קען מען געפֿינען די וואָרצלען און דעם גײַסט פֿון דער אומה.

פֿון דעם איז שווין צו פֿאַרשטיין זיך: יעדער פֿאָלק האָט מערסטנס געפֿאָרשט דעם אייגענעם

---

[1] טראַנסקריפּציע פֿון דער אױדיאָ־רעקאָרדירונג, װאָס געפֿינט זיך בײַם װעב־אַדרעס:
Annual YIVO Gathering. "Jewish Folk Songs - Past and Future" | Yiddish Book Center
די לאָקירערס זאָל מען פֿאַרשטיין אַזוי: טאַשמע נומער (דאָ, 01-333A), דערנאָך, די פֿאַרבײַגעגאַנגענע צײַט (דאָ, 49 מינוט און 10 סעקונדעס — אָנגעצייכנט „49:10").

פֿאָלקלאָר ווי אַ מיטל צו געפֿינען זייער אייגענעם שורש און מהות. די דײַטשן האָבן געפֿאָרשט דעם דײַטשן פֿאָלקלאָר און די רוסן האָבן געפֿאָרשט דעם רוסישן פֿאָלקלאָר,... די ערשטע זאַמלונגען זענען אַרויס אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 18טן יאָרהונדערט. אין 1765 איז אַרויס פּערסיס Relics of Ancient English Poetry [רעליקוויִעס פֿון דער אוראַלטישער ענגלישער פּאָעזיע] . אין 1778 האָט יאָהאַן הערדער אַרויסגעגעבן Stimen der Flkern Lieder [שטימען פֿון פֿאָלקסלידער] . און ערשט מיט מער ווי הונדערט יאָר שפּעטער, אין 1901, איז אַרויס די ערשטע טאָביקע זאַמלונג ייִדישע פֿאָלקסלידער, גינזבורג און מאַרעקס ־ ־ ־ ייִדישע פֿאָלקסלידער אין רוסלאַנד.

ייִדן האָבן זיך פֿאַראינטערעסירט אין זייער אייגענעם פֿאָלקלאָר ערשט מיט 75 יאָר צוריק, דאָס הייסט, זייער שפּעט אין פֿאַרגלײַך מיט די רוסן, דײַטשן, און ענגלענדער, וואָס האָבן אָנגעהויבן מיט מער ווי 200 יאָר פֿריִער. פֿון דעסטוועגן, האָבן זייער ענלעכע מאָטיווירונגען געווירקט פֿאַר ייִדן, און דער כאַראַקטער פֿון דער ייִדישער פֿאָלקלאָריסטיק איז אויך געפֿורעמט געוואָרן אונטער דער השפּעה פֿון ראָמאַנטישן נאַציאָנאַליזם. אויך נאַציאָנאַלע באַוועגונגען האָבן זיך שפּעט אַנטוויקלט בײַ ייִדן, און ניט אַלע ייִדישע נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיעס האָבן אַרויסגעוויזן אַ וויסנשאַפֿטלעכן אינטערעס אין דעם ייִדישן פֿאָלקלאָר. ניט געקוקט אויף עטלעכע פּראָמינענטע אויסנעמען, האָבן די פֿרײַקע ציִאָניסטן, למשל, אָפּגעוואָרפֿן אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט גלות ווי אַ מיטל צו בויען אַ נײַע ייִדישע געזעלשאַפֿט. די ייִדישע שפּראַך און דער פֿאָלקלאָר אויף ייִדיש האָבן ניט אַרויסגערופֿן זייער אינטערעס. עס האָבן אַרויסגעוויזן אַ וויסנשאַפֿטלעכן אינטערעס אין דעם ייִדישן פֿאָלקלאָר. די ייִדישע שפּראַך און דער פֿאָלקלאָר אויף ייִדיש האָבן ניט אַרויסגערופֿן זייער אינטערעס.

אויב אַזוי, פֿון וואַנען זענען געקומען אונדזערע פֿאָלקסליד־פֿאָרשערס? און ווי אַזוי האָט זייער נאַציאָנאַליסטישער צוגאַנג זיך אָפּגערופֿן אויף דער פֿאָרשונג פֿון ייִדישע פֿאָלקסלידער? לאָמיר אָנהייבן מיט די צײַטן ווען מע האָט אַפֿילו ניט געוווּסט, אַז ייִדישע פֿאָלקסלידער זענען בכלל פֿאַראַן. אין 1861, אַ שטייגער, האָט משה בערלין געשריבן אין זײַן עטנאָגראַפֿישער סבעמע וועגן ייִדן אין רוסלאַנד: „קיין לידער וואָס ווערן באַניצט פֿונעם פֿאָלק בײַ אַלערליי פֿאַרווײַלונגען איז בײַ ייִדן ניטאָ, כאָטש זיי האָבן אַ נטיה צום זינגען. ס'איז פֿאַראַן בלויז סינעגאָגאַלע לידער, וואָס כּמעט אַלע ייִדן קענען זיי.‟ ווי לאַנג פֿאָרשערס האָבן געמיינט, אַז ייִדן זינגען ניט קיין פֿאָלקסלידער איז ניט געווען וואָס צו פֿאָרשן. נאָר אַפֿילו ווען פֿאָלקלאָריסטן האָבן געוווּסט, אַז ייִדן זינגען יאָ פֿאָלקסלידער, האָט מען ניט אָנערקענט אַז די

לידער האָבן אַ קולטור-ספּעציפֿישן כאַראַקטער. דערפֿאַר האָט האַנריק לוציען קאָן געשריבן אין פּוילן: „די טענות אַז עס איז ניטאָ קיין ייִדישע נאַציאָנאַלע מוזיק זענען אַ פּריאָרי ניט קיין ריכטיקע. קיינער האָט זיך ניט גענומען די מי צו זאַמלען די ניגונים, וואָס זענען אַזוי פֿאַרשפּרייט צווישן די ייִדישע פֿאָלקס-מאַסן.‟ און אַפֿילו ווען מע האָט יאָ דערקענט די עקזיסטענץ פֿון ספּעציפֿישע ייִדישע פֿאָלקסלידער, האָט מען ניט פֿאַרשטאַנען זייער ווירטיקייט ווי אַ פֿאָרשפֿעלד. יעקבֿ שאַצקי, אַ חשובֿער היסטאָריקער און ביבליִאָגראַף פֿון ייִדישער פֿאָלקלאָר פֿאָרשונג, דערקלערט אַז אין 1868 האָט פֿעליקס קאָן אָפּגעדרוקט אַן אויפֿרוף, און שפּעטער אַן אַרטיקל, אין וועלכער ער ווייַזט אָן אויף דער וויכטיקייט פֿון ייִדישע פֿאָלקסלידער. די הצפֿירה האָט אויסגעלאַכט גאַנץ קולי-קולות. חיים זעליג סלאָנימסקי האָט געהאַלטן אַז „אַזאַ פּאָעזיע ווי עס זענען די שטערן אין הימל פֿאַרמאָגן די ייִדישע פֿאָלקסלידער ניט.‟ ווי שאַצקי דערקלערט, האָבן די דעמאָלטדיקע פּויליש-ייִדישע וויסנשאַפֿטלערס אויפֿגעקלערט די וויכטיקייט פֿון העברעיִש און די נישטיקייט פֿון די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור-שפּילערייַען, וואָס שטערן דער אַסימילירזאַציע און העלפֿן פֿאַרשפּרייטן כּלערליי זאַבאַבאָנעס. ווי מאָדנע, אָבער פֿאַרשטענדלעך, וואָס אונדזערע ערשטע פֿאָלקלאָריסטן האָבן זיך פֿאַראינטערעסירט אין פּוילישן און רוסישן פֿאָלקלאָר בשעת עטלעכע פֿון די ערשטע פֿאָלקלאָריסטן וואָס האָבן געפֿאָרשט אָדער געמוטיקט אונדזערע וויסנשאַפֿטלעבער, אַז זיי זאָלן פֿאָרשן ייִדישן פֿאָלקלאָר, זענען אָדער פּאָליאַקן, אָדער רוסן.

ש. אַן-סקי, יואל ענגעל, יוסף בעקערמאַן, האַנריק ביגעלייַזן, און אַנדערע האָבן אָנטייל גענומען אינעם אויפֿוואַך פֿונעם פּוילישן און רוסישן נאַציאָנאַליזם. אַן-סקי, דער פּיִאָניר פֿון דער ייִדישער פֿאָלקלאָריסטיק, האָט זיך שטאַרק גענומען צום ייִדישן פֿאָלקלאָר נאָך אין די לעצטע 15 יאָר פֿון זייַן לעבן. פֿריִער איז ער געווען אַ משׂכּיל, וואָס איז געקומען אונטער דער שטאַרקער השפּעה פֿון דער ליטעראַטור פֿון די רוסישע נאַראָדניקעס. ער האָט געלעבט אין רוסישע דערפֿער, צווישן רוסישע פּויערים, און האָט געשריבן וועגן רוסישן פֿאָלקסלעבן. אין צווישן, האָט דער פּוילישער פֿאָלקלאָריסט אָסקאַר קאָלבערג אַרייַנגעגעבן אין זייַן געדרוקטער זאַמלונג פּוילישע פֿאָלקסלידער עטלעכע ייִדישע פֿאָלקסלידער, וואָס ער האָט געהערט פֿון ייִדישע בעל-עגלות וואָס האָבן אים געפֿירט אויף זייַנע עטנאָגראַפֿישע נסיות.

שאַצקי האַלט אַז יאַנקעלאָוויטש, דער גרינדער פֿון „וויסלע", אַ פּוילישער לינגוויסטיש-עטנאָגראַפֿישער זשורנאַל, האָט אויך אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס אין דעם ייִדישן פֿאָלקסליד. ער האָט

געוואָלט אַז אויך ייִדישער פֿאָלקלאָר זאָל זײַן רעפּרעזענטירט אין זײַן פּוילישן זשורנאַל. די אַסימילירטע ייִדן האָבן געקוקט זייער קרום אויף די דאָזיקע פּלענער. לויט שאַצקי, אַזוי אָ נאָך האָבן די עטלעבע ייִדן-פֿאָלקלאָריסטן זיך מער פֿאַראינטערעסירט מיט פּוילישע פֿאָלקסלידער, מיטן פֿאָלקלאָר מיטן וואַרשעווער פּוילישן בעל-מלאָכה, און זיך ניט צוגערירט צום ייִדישן פֿאָלקלאָר; בשעת עטלעבע פּוילישע פֿאָלקלאָריסטן, פֿאַרקערט, האָבן געזאַמלט ייִדישע פֿאָלקסלידער און האָבן געמוטיקט ייִדישע וויסנשאַפֿטלערס אַז זיי זאָלן פֿאָרשן זייער אייגענע קולטור. סוף יאָר-הונדערט האָבן די נאַציאָנאַליסטישע געפֿילן בײַ ייִדן זיך געשטאַרקט. עטלעבע אַדוואָקאַטן, ווי מיר ווען באַלד הערן, האָבן זיך געקערט צו ייִדישער געשיכטע אין רוסלאַנד און האָבן געזאַמלט אַלעראַליי דאָקומענטן, אַרײַנרעכנדיק פֿאָלקלאָריסטישע מאַטעריאַלן, ווי אַ מיטל צו דאָקומענטירן דאָס ייִדישע לעבן אין רוסלאַנד. די גינזבורג-מאַרעק זאַמלונג ייִדישע פֿאָלקסלידער איז געווען אַ בײַ-פּראָדוקט פֿון די אַקטיוויטעטן פֿון דער ייִדישער היסטאָריש-עטנאָגראַפֿישער קאָמיסיע, וואָס איז אויפֿגעקומען אין פּעטערבורג אין 1891-1892. די גינזבורג-מאַרעק זאַמלונג האָט אַרײַנגענומען נאָר די טעקסטן פֿון פֿאָלקסלידער, וואָס קאָרעספּאָנדענטן האָבן אַרײַנגעשיקט. ס'האָט אַרויסגערופֿן אַ גרויסע באַגײַסטערונג. מיט זיבן יאָר שפּעטער, אין 1908, האָט מען אויפֿגעשטעלט צוויי געזעלשאַפֿטן, וואָס האָבן נאָך מער סטימולירט די פֿאָרשונג פֿון ייִדישע פֿאָלקסלידער: „די געזעלשאַפֿט פֿאַר ייִדישער פֿאָלקסמוזיק" און „די ייִדישע היסטאָריש-עטנאָגראַפֿישע געזעלשאַפֿט." די מוזיקערס האָבן געוואָלט שאַפֿן אַ נאַציאָנאַלע ייִדישע קונסטמוזיק און האָבן געזען אין ייִדישע פֿאָלקסלידער דעם רוי-מאַטעריאַל דערצו. אויך אַן-סקי, וואָס האָט אָרגאַניזירט אַן עטנאָגראַפֿישע עקספּעדיציע אין 1911 מיט דער הילף פֿון דער היסטאָריש-עטנאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט, האָט געזען אין ייִדישן פֿאָלקלאָר אַ קוואַל פֿון שעפֿערישקייט פֿאַר דעם ייִדישן שרײַבער, דיכטער, און מאָלער. ער אַליין האָט זײַן פּיעסע „דער דיבעק" געבויט אויף אַ מסורה וואָס ער האָט פֿאַרצייכנט אויף זײַן עקספּעדיציע. אַ דאַנק די נאַציאָנאַליסטישע געפֿילן האָט זיך אַנטוויקלט סוף-כּל-סוף אַ גרויסער אינטערעס אין ייִדישע פֿאָלקסלידער, און ייִדישע פֿאָלקלאָריסטן האָבן זיך שטאַרק גענומען צו דער אַרבעט פֿון זאַמלען זיי. קלאַסיפֿיקאַציע און אַנאַליז זענען געקומען שפּעטער.

צוליב דער אומפֿאַרמאַטערלעכער אַרבעט פֿון אונדזערע ביז-איצטיקע זאַמלערס, ווי י. ל. כּהן, אידעלסאָן, לעהמאַן, פּיפּע, פּרילוצקי, באָסטאָמסקי, קיפּניס, סעקולעץ, קאַופֿמאַן, סקודיצקי, ליטווין, און אַנדערע, האָבן מיר הײַנט אַ בלײַביקע אָנזאַמלונג פֿון טויזנטער ייִדישע פֿאָלקסלידער. אַ דאַנק דער

מאָדערנער טעכנאָלאָגיע, האָבן עטלעכע זאַמלערס, ווי מ. בערעגאָווסקי, רות רובין, דובֿ און מאיר נוי, דער שפּראַך און קולטור אַטלאַס, און אַנדערע, רעקאָרדירט מאַגנעטאָפֿאָניש טויזנטער לידער פֿון ייִדישע זינגערס אין פּוילן, רוסלאַנד, קאַנאַדע, אַמעריקע און ישׂראל.

אַ לאַנגע טראַדיציע אונדזערע פֿון ניצן קאָרעספּאָנדענטן אין ווײַט-פֿאַרשפּרייטע ווינקלען איז עד-היום לעבעדיק אין די רובריקן אין ייִדישע צײַטונגען, למשל, אין „פֿאָרווערטס", און ביז פֿאַר-אַ-יאָרן אין „טאָג-מאָרגן זשורנאַל", ווו לייענערס שיקן אַרײַן פֿאָלקלאָריסטישע מאַטעריאַלן וואָס זיי געדענקען. די וואָכנטלעכע ווינקלען פֿון נפֿתּלי גראָס, מנשה אונגער, וואָלף יונין, חנה און יאָסל מלאָטעק, און אַנדערע האָבן דורך די יאָרן אָנגעקליבן אוצרות. אָן די אַלע איבערגעגעבענע אַרבעטערס וואָלט גאָרניט געטאָן געוואָרן.

חוץ זאַמלען, וואָס מיר האָבן שוין אַ שפּאָר ביסל געטאָן, איז אַנאַליז זייער וויכטיק, נאָר מיר האָבן ביז איצט זייער ווייניק געטאָן מיט אַנאַליז. די פֿאָלקלאָריסטן וואָס האָבן יאָ געפּרוּווט אַנאַליזירן די געזאַמלטע מאַטעריאַלן האָבן געאַרבעט ס'רובֿ אויף דרײַ פּראָבלעמען. איין פּראָבלעם איז דער אָפּשטאַם און געשיכטע פֿון אַ געוויסן ליד. דאָ האָבן מיר אין זינען ש. פּיפּעס דורכקוק פֿון דוד עדעלשטאַטס פֿאָלקלאָריזירטן ליד „דער אַרבעטער" און וואַלטער אַנדערסאָנס רעקאָנסטרוקציע פֿון אַ היפּאָטעטישער קדמון-פֿאָרעם פֿון דעם „ליד פֿון דער מאָביליזאַציע" (אַגבֿ, אַנדערסאָן איז ניט געווען קיין ייִד.)

די צווייטע פּראָבלעם איז די אידענטיפֿיצירונג פֿון די ייִדישע עלעמענטן אין די לידער, אַן אינטערעס וואָס וואַקסט גלײַך אַרויס פֿון די ראָמאַנטיש-נאַציאָנאַליסטישע מאָטיווירונגען בײַם ס'רובֿ פֿון די פֿרײַיִקע פֿאָלקלאָריסטן. דער באַרימטער פֿאָרשער אידעלסאָן האָט געפּרוּווט אידענטיפֿיצרן: וואָס זענען די ספּעציפֿיש ייִדישע עלעמענטן אין די מעלאָדיעס? סאַמינסקי און יואל ענגעל האָבן זיך אויך פֿאַראינטערעסירט אין דעם. די דריטע פּראָבלעם האָט צו טאָן מיטן אופֿן ווי אַזוי די לידער שפּיגלען אָפּ דאָס ייִדישע לעבן. פּרץ, למשל, האָט געשריבן אויף אַזאַ טעמע בײַם אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. חוץ די פּראָבלעמען פֿון אָפּשטאַם, ייִדישקייט, און אָפּשפּיגלונג פֿון ייִדישן לעבן, האָט מען אויך געפּרוּווט פֿון צײַט צו צײַט פֿאָרשן סטיל; דאָס הייסט, די שפּראַך און מעטרישע אָרגאַניזאַציע פֿון די לידער און אויך קעגנאַנאַנדערדיקע השפּעות. די פֿריִערדיקע פֿאָרשונגען פֿון אַזוינע פּראָבלעמען האָבן

ניט געפֿאָדערט אַ סך מער אינפֿאָרמאַציע ווי לידער גופֿא, כאָטש זיי האָבן יאָ געפֿאָדערט, מער אָדער ווייניקער פּינקטלעכע טראַנסקריפּציעס פֿון די לידער.

הײַנט פּרוּוון מיר נ   י   ט פֿונאַנדערהאַלטן זאַמלען פֿון אַנאַליז, ווײַל מיר פֿאַרשטייען אַז נײַע טעאָריִעס פֿאָדערן נײַע פֿאַקטן און אַז נײַע פֿאַקטן רופֿן אַרויס נײַע טעאָריִעס. לויט מײַן מיינונג דאַרפֿן זאַמלען, אָדער פֿעלדאַרבעט, און אַנאַליז גיין געפּאָרט. דערפֿאַר איז כּדאַי פֿונאַנדערצוטיילן די צוויי באַזונדערע אַקטיוויטעטן: זאַמלען ווי מע פֿלעגט טאָן; און פֿעלדאַרבעט ווי מע דאַרף איצט טאָן. זאַמלען הייסט פֿאַרשרײַבן, אָדער רעקאָרדירן, דעם טעקסט און די מעלאָדיִעס פֿון די לידער, מער אָדער ווייניקער אויף טראַף. י. ל. כּהן, אַ וויסנשאַפֿטלעכער זאַמלער, האָט געבעטן די פֿאַרשרײַבערס זיי זאָלן פֿאַרפֿיקסן דאָס גאַנצע ליד פּינקט אַזוי ווי דער אינפֿאָרמאַנט זינגט עס, און אויך די נעמען פֿון די אינפֿאָרמאַנטן און ווען און ווי זיי האָבן עס געהערט צום ערשטן מאָל. כאָטש די בעסטע זאַמלערס האָב יאָ פֿאַרשריבן אַ פּאָר פּרטים וועגן דעם זינגער, איז דער עיקר בײַ זיי געווען אויפֿהיטן די לידער גופֿא. זאַמל-אַרבעט און אַנאַליז זענען געווען באַזונדערע און פֿאָרזיכטיקע אַקטיוויטעטן. דער גרויסער דערגרייך פֿון די זאַמלערס איז געווען דער אוצר פֿאַרצייכנטע לידער וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט. אַ גרויסער טייל פֿאָלקלאָריסטן, סײַ ייִדישע סײַ אַלגעמיינע, זענען ביז הײַנט, דערעיקרשט, זאַמלערס.

פֿעלדאַרבעט איז אַנדערש פֿון זאַמלען. ערשטנס, ווײַל סע ברענגט צו אַ ברייטן עטנאָגראַפֿישן צוגאַנג, און צווייטנס ווײַל סע אָרגאַניזירט זיך אַרום געוויסע פֿאָרשפּראָבלעמען. ווי פֿריִער דערמאָנט, פֿאָדערן נײַע טעאָריִעס נײַע פֿאַקטן. דערפֿאַר זענען הײַנט אומבאַגיילעך אינפֿאָרמאַציע און פֿאָרשמיטלען וואָס זענען ניט געווען נייטיק צו די פֿריִערדיקע פֿאָלקלאָריסטן.

לאָמיר דאָ אַרומרעדן צוויי פֿון די הײַנטיקע פֿאָרשפּראָבלעמען וואָס פֿאָדערן אַנדערע אינפֿאָרמאַציע ווי פֿריִער געשריבן און אַן אַנדער צוגאַנג צו דער פֿאָרשונג פֿון ייִדישע פֿאָלקסלידער בכלל.

1) מיר דאַרפֿן לויט מײַן מיינונג דעפֿינירן דאָס פֿאָרשפֿעלד ניט ווי ייִדישע פֿאָלקסלידער, נאָר לידער וואָס ייִדן זינגען.

2) מיר דאַרפֿן פֿאָרשן ניט די לידער נאָר די לידער אינעם שטייגער.

די צוויי באַגריפֿן זענען פֿאַרבונדן איינס מיטן אַנדערן. לאָמיר דורכטראַכטן די אימפּליקאַציעס פֿון אַזאַ

צוגאַנג וואָס מיר רעקאָמענדירן דאָ. קודם-כּל, דער חילוק פֿון פֿאָרשן ייִדישע פֿאָלקסלידער און פֿאָרשן לידער וואָס ייִדן זינגען. י. ל. כּהן האָט געפֿירט וויכּוחים מיט די פֿאָלקלאָריסטן וואָס האָבן ניט קלאָר פֿאַרשטאַנען דעם חילוק פֿון פֿאָלקסליד, פֿאָלקסטימלעך ליד, טעאַטער-ליד, און אַזוי ווײַטער. ער האָט זייער קלאָר דעפֿינירט וואָס איז אַ פֿאָלקסליד, און ער אַליין האָט שטאַרק געהאַלטן די פֿונאַנדערקייט פֿון די קאַטעגאָריעס, כּדי דער פֿאָלקלאָריסט זאָל קענען פֿונאַנדערטיילן די עכטע ייִדישע פֿאָלקסלידער און זיי אַליין פֿאָרשן. אַ דאַנק כּהנס טעאָרעטישע דערגרייכן פֿאַרשטייען מיר איצט אַ סך בעסער, וואָס איז אַ פֿאָלקסליד.

באָטש פֿאָלקסלידער און אַנדערע מינים לידער דאַרפֿן קלאָר דעפֿינירט ווערן, בין איך ניט מסכּים אַז דער פֿאָלקלאָריסט דאַרף נאָר פֿאָרשן די פֿאָלקסלידער — און דער עיקר די ייִדישע פֿאָלקסלידער — און דאָס וואָס האָט אַ דירעקטע שײַכות צו זיי.

כּדי צו פֿאָרשן לידער וואָס ייִדן זינגען דאַרפֿן מיר נעמען ווי אַן אָרגאַניזיר-פּרינציפּ ניט דאָס ייִדישע פֿאָלקסליד נאָר דעם ייִדישן פֿאָלקסזינגער. דאָס ייִדישע פֿאָלקסליד האָט קיין מאָל ניט עקזיסירט באַזונדער אין אַ חלל. ס'האָט אַלע מאָל עקזיסירט צוזאַמען מיט אַנדערע מוזיקאַלישע טראַדיציעס וואָס די זינגערס האָבן געקאָנט און וואָס האָבן געהאַט פֿאַרשידענע השפּעות אויף דער אַנטוויקליונג פֿונעם ייִדישן פֿאָלקסליד. ס'גייט ניט נאָר אין דעם אַז גויִים האָבן געזונגען זייערע לידער און ייִדן זייערע און די השפּעות זענען געקומען דערפֿון וואָס ייִדן האָבן געהערט. אַ סך ייִדן זענען געווען עטלעכמוזיקאַליש. זיי האָבן געקענט און געזונגען ניט-ייִדישע לידער. דערפֿאַר זענען די ניט-ייִדישע לידער אויך אַ טייל פֿון ייִדישן לעבן. פֿאַקטיש קען מען זאָגן אַז איינע פֿון די הויפּט-שטריכן פֿון דער ייִדישער קולטור איז איר עטלעכקייט. כּדי בעסער צו פֿאַרשטיין די ייִדישע קולטור און די ייִדישע מוזיקאַלישע טראַדיציע דאַרפֿן מיר זי פֿאָרשן ווי אַ העטעראָגענישע גאַנצקייט און ניט באַגרענעצן אונדזער פֿאָרשפֿעלד אויפֿן ספּעציפֿיש ייִדישן ווי אַן איזאָלירטער איינס. דערפֿאַר איז גלײַכער צו נעמען דעם זינגער ווי אַן אַרויספּונקט און צו נעמען אַלץ וואָס דער אינפֿאָרמאַנט זינגט סײַ ייִדיש, סײַ ניט-ייִדיש; סײַ פֿאָלקסלידער, סײַ ניט-פֿאָלקסלידער. נאָר מיט אַזאַ צוגאַנג קען מען פֿאָרשן די ראָלע פֿון געזאַנג אין ייִדישן לעבן, און אויב מע וויל, די אַנטוויקלונג און די ראָלע פֿון ספּעציפֿיש ייִדישע מוזיקאַלישע טראַדיציעס.

לאָמיר נעמען ווי אַ דוגמא ליפֿשע שעבטער-ווידמאַן, אַ פּרעכטיקע טראַדיציִאָנאַלע זינגערין. זי איז געבוירן געוואָרן אין זוויניעוווטשע, לעבן טשערנעוויץ, אין 1893; לייבל כּהן און איך האָבן ביַי איר רעקאָרדירט איבער 200 לידער, און מיר רעכענען אַז זי קען אַ היפּש ביסל מער ווי 250 לידער. פֿון זיי קענען מער ווי הונדערט זיַין ייִדישע פֿאָלקסלידער, לכל-הדעות. דער רעשט זענען ייִדישע און ענגלישע טעאַטער-לידער, אוקראַיִנישע פֿאָלקסלידער, און דיַיטשע קונסטלידער פֿון קאָמפּאָזיטאָרן ווי שובערט. דאָס הייסט אַז איר רעפּערטואַר איז זייער אַ פֿאַרשיידנדיקער. פֿאַקטיש נעמט זי אָנטייל אין עטלעכע מוזיקאַלישע טראַדיציעס, אין פֿינעף שפּראַכן, פּונקט אַזוי ווי זי רעדט מער ווי איין שפּראַך און איז באַקאַנט מיט מער ווי איין קולטור. דאָס אַלץ איז אַ כאַראַקטעריסטיק פֿון ייִדישן לעבן בכלל. די וואָס קענען טראַדיציִאָנעלע זינגערס ווייסן גאַנץ גוט אַז ליפֿשע שעבטער-ווידמאַן איז ניט קיין יוצא-מין-הכּלל נאָר אַ כאַראַקטעריסטישער, אַקטיווער טרעגער פֿון אונדזער מוזיקאַלישער טראַדיציע. עטלעך-שפּראַכיקייט, עטלעך-קולטורישקייט, עטלעך-מוזיקאַלישקייט זענען פֿאַקטן פֿון ייִדישן לעבן. דערפֿאַר איז לויט מיַין מיינונג דער זינגער מער אַ מיקראָקאָזם פֿון ייִדישער קולטור ווי דאָס עבטע ייִדישע פֿאָלקסליד און אַז אַ פֿאָרשונג פֿון דעם זינגער, און זיַין רעפּערטואַר, קען אונדז בעסער געבן צו פֿאַרשטיין קולטורעלע פּראָצעסן פֿון איבערבײַט און השפּעה. אָט דאָס זענען די אימפּליקאַציעס פֿון פֿאָרשן די לידער וואָס ייִדן זינגען אַנשטאָט דאָס ייִדישע פֿאָלקסליד אַליין.

איצט, אַ חילוק פֿון פֿאָרשן דאָס ייִדישע פֿאָלקסליד און פֿאָרשן לידער אינעם שטייגער. צו פֿאָרשן לידער ווי איזאָלירטע איינסן, ווי בריליאַנטן. . .

64:17  01-333A

**[דאָ (צווישן טאַשמע 01-333A און טאַשמע 02-333B) איז פֿאַראַן אַ בלויז אין דער רעקאָרדירונג]**

00:00 02-333B

. . .וועגן דער וויכטיקייט פֿון פֿאָרשן דעם פּראָצעס, דעם ווי-אַזוי  און ניט דאָס ליד ווי עסטעטישן אָביעקט. פֿאָרשן די לידער אינעם שטייגער איז אַ שליסל צו אַ פֿאַרשטאַנד פֿון די פּראָצעסן. אַזאַ צוגאַנג איז ניט נײַ אין דעם ייִדישן פֿאָלקלאָריסטיק. בערעגאָווסקי, מער באַקאַנט ווי אַ זאַמלער פֿון ייִדישע פֿאָלקסלידער, איז קודם-כּל געווען איינער פֿון די בעסטע פֿאָרשערס פֿון דער טעאָריע, פֿון דער מעטאָדילאָגיע, און דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער פֿאָלקסמוזיק. ער האָט שוין אין די פֿריִיִקע

דרײַסיקער יאָרן געפּרוּווט אײַנרעדן אונדזערע פֿאָלקסליד-פֿאָרשערס אַז זיי זאָלן ניצן אַ ברייטערן עטנאָגראַפֿישן צוגאַנג און פֿאָרשן ייִדישע פֿאָלקלאָר־מוזיק אינעם שטייגער. אונדזערע רעקאָמענדאַציעס דאָ זענען אינעם גײַסט פֿון בערעגאָווסקין. די ביידע באַגריפֿן — לידער וואָס ייִדן זינגען און לידער אינעם שטייגער — זענען ענלעך צו דער בקשה וואָס אַלאַן דאָנדעס, אַן אַמעריקאַנער פֿאָלקלאָריסט, פֿלעג מאַכן:

“Let's put the folk back into folklore.”

אַ כּלל, באָטש מיר האָבן אָנגעהויבן שפּעט פֿאָרשן ייִדישע פֿאָלקסלידער, האָבן מיר אַ סך לידער פֿאַרצייכנט און אַ ביסל אַנאַליזירט. די נײַע סטילן אין פֿאָרש-פּראָבלעמען וואָס פֿאַראינטערעסירן אונדז הײַנט פֿאָדערן פֿעלדאַרבעט כּדי מיר זאָלן קענען באַקומען אינפֿאָרמאַציע וואָס מיר האָבן פֿריִער ניט געדאַרפֿט און ניט פֿאַרשריבן. אונדזערע נײַע פֿאָרש-פּראָבלעמען ווײַזן אָן ווי ווײַט די האָריזאָנטן פֿון דער ייִדישע פֿאָלקסליד־פֿאָרשונג פֿאַרברייטערן זיך הײַנט. לאָמיר ניט פֿאַרגעסן אַז אָן דער זאַמל-אַרבעט פֿון נעבטן וואָלטן מיר ניט געהאַט אַ יסוד אויף וואָס צו בויען הײַנט. מיט דער מיטהילף פֿון די מכשירים און מעטאָדן וואָס די הײַנטיקע עטנאָמוזיקאָלאָגיע שטעלט אין אונדזער רשות בויען מיר ווײַטער אויף די דערגרייכן פֿון די פֿריִערדיקע דורות פֿאָלקלאָריסטן.

איצטערט וועלן מיר זען עטלעכע ליבט-בילדער און קודם-כּל פֿון אַנסקיס עטנאָגראַפֿישער עקספּעדיציע אין אייראָפּע פֿאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה. אַנסקי האָט רעקאָרדירט אַ סך ייִדישע פֿאָלקסלידער, חוץ אַנדערע פֿאָלקלאָריסטישע מאַטעריאַלן, ווי מעשׂיות, זאַבאַוואָנעס, מינהגים, גלייבענישן, אָפּשפּרעכענישן, און אַזוי ווײַטער.

דערנאָך וועל איך אײַך ווײַזן ליכטבילדער וואָס האָבן אַ שײַכות צו מײַן אייגן פֿעלדאַרבעט. מיט פֿינעף יאָר צוריק האָב איך רעקאָרדירט מער ווי 125 שעהען ייִדישן פֿאָלקלאָר פֿון אינפֿאָרמאַנטן אין טאָראָנטע. צווישן די מער ווי 700 פֿאָלקס-מעשׂיות וואָס איך האָב באַקומען זענען עטלעכע הונדערט פֿאָלקסלידער. איך האָב געפּרוּווט ווי ווײַט מעגלעך צו רעקאָרדירן ניט נאָר די לידער נאָר זייערע סאָציאַלע קאָנטעקסטן. איר וועט הערן וואָס איז אַרויסגעקומען. באַם סוף וועל איך זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן אַ ייִוואָ פּראָיעקט וואָס מיר טוען הײַנט. אָבער דאָס וועלן מיר לאָזן צום סוף.

[ליכטבילד נומער 1]

. . .ער איז געווען אַ מיט-אַרבעטער פֿון אַן-סקי, און ער איז געווען אויף דער עקספּעדיציע. און ער האָט באַשריבן זײַנע זכרונות און באַשרײַבט די עקספּעדיציע און די פֿאָטאָגראַפֿיעס זענען געווען אין זײַנע זכרונות.

[ליכטבילד נומער 2]

דאָס איז אויך אַנסקי. אַזוי איז געווען אין אייראָפּע. ווען מע האָט געמאַכט אַן עקספּעדיציע צו זאַמלען פֿאָלקלאָר. דאָס איז טאַקע רעבטמאַן וואָס זיצט דאָ אויף רעבטס און ער אינטערוויִרט אַן אינפֿאָרמאַנט. אין אַזוינע שטעטלעך האָבן זיי באַקומען זייערע מאַטעריאַלן.

[ליכטבילד נומער 3]

די זענען דרײַ קלאָגמוטערן, וואָס זיי האָבן ספּעציעלע קלאָגן וואָס זיי זאָגן בײַ אַ לוויה. און אַנסקי האָט ליב געהאַט צו פֿאַרשרײַבן דאָס וואָס זיי האָבן געזונגען.

[ליכטבילד נומער 4]

דאָ האָבן מיר קלעזמאָרים. . .

[ליכטבילד נומער 5]

און דאָ האָבן מיר עפּעס פֿון מײַן אייגן פֿעלדאַרבעט. דאָס איז אַ פֿאָטראָגראַפֿיע פֿון אַן אינפֿאָרמאַנט וואָס האָט מיר געגעבן 140 מעשׂיות, און איך האָב פֿון אים זייער אַן אינטערעסאַנטע באַשרײַבונג: דאָס זענען זכרונות ווי ער זינגט אַ ליד און ער באַשרײַבט פּינקלעך ווען און ווי ער האָט עס געהערט. דאָס איז וואָס עס הייסט צו פֿאָרשן לידער אינעם שטייגער, און איך האָב צוגעפּאַסט פֿאָטאָגראַפֿיעס צו זײַן באַשרײַבונג, און מיר וועלן הערן אַ טאַשמע און וועלן זען די פֿאָטאָגראַפֿיעס צוזאַמען. (וואָס איז זײַן נאָמען? זײַן נאָמען איז דזשעק שטאַרקמאַן [Jack Starkman] . ער קומט פֿון קלימאָנטאָוו, און דאָס איז אַ פֿאָטאָגראַפֿיע איידער ער איז געפֿאָרן קיין קאַנאַדע. און ער איז געפֿאָרן איך מיין יאָר 34'.

06:22 02-333B

[דזשעק שטאַרקמאַן דערציילט ווי ער האָט געהערט אַ ליד ווי אַ יונגער־מאַן בעת ער איז געווען שפּיטאָלידזירט אין וואַרשע, און זינגט דאָס ליד.]

[ליכטבילד נומער 6]

דאָ האָבן מיר אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון. . . דער אינפֿאָרמאַנט, איידער ער איז געקומען קיין קאַנאַדע. . . פּינקט איידער ער איז געקומען האָט ער גענומען די פֿאָטאָגראַפֿיע.

[ליכטבילד נומער 7]

און דאָס איז אַ מין „טרענזישן" צו מײַן אייגן פֿעלדאַרבעט און מאַטעריאַלן וואָס איך האָב געזאַמלט דאָ אין טאָראָנטאָ. דאָס איז אַ בילד פֿון טאָראָנטאָ, די געגנט ווּ איך אַליין בין געווען אין די פֿערציקער, פֿופֿציקער יאָרן.

[ליכטבילד נומער 8]

דאָס איז איינע פֿון מײַנע אינפֿאָרמאַנטן, וואָס זי האָט געזונגען אַ סך אינטערעסאַנטע לידער. זי קומט פֿון אַ קליין שטעטל אין פּאָלעזיִע, און איר וועט הערן אַ מוסטער פֿון איינע פֿון אירע לידער. דאָס איז אַ ליד וואָס געפֿינט זיך אויך אין י. ל. כּהנס זאַמלונג. דאָס איז אַן עכט ייִדיש פֿאָלקסליד.

13:42 02-333B

[מאַראַים נירנבערג זינגט אויף אַ רעקאָרדירונג]

איר נאָמען איז מאַריאַם נירנבערג, זי וווינט איצט אין טאָראָנטע, און זי איז אַ פּרעכטיקע טראַדיציאָנעלע ייִדישע פֿאָלקסזינגער.

[ליכטבילד נומער 9]

די לעצטע צוויי ליכטבילדער וויל איך אײַך ווײַזן כּדי צו זאָגן אַז ייִדישע פֿאָלקסלידער לעבן נאָך אין געוויסע קרײַזן און אויף געוויסע געלעגנהייטן. ווען מע פּראַוועט אַ סעודה, בײַ פּסח אָדער שׂימחות-תּורה, בײַ פֿאַרשידענע יום-טובֿים, איך געדענק פֿון מײַנע קינדער-יאָרן — און דאָס איז טאַקע אַ

פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון מײַנע קינדעריאָרן — אַז מיר האָבן אַ סך ייִדישע פֿאָלקסלידער געזונגען, און דאָס איז אמת עד-היום.

[ליכטבילד נומער 10]

און דאָס, אַ מלווה-מלכּה בײַ די חסידים. און מיר ווייסן אַלע אַז מע קען הערן אַ סך שיינע ניגונים און ייִדישע פֿאָלקסלידער בײַ אַזאַ געלעגנהייט, אַז דאָס ייִדישע פֿאָלקסליד לעבט נאָך. דאָס איז וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן מיט די לעצטע צוויי ליכט-בילדער.

אַ דאַנק אײַך.

16:58 02-333B

[טראַנסקריפּציע פֿון דזשאַש וואַלעצקי, מײַ 2021.]